בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ויקרא זכור תשע"ו

גליון 352 [שנה ח']

## א מדרש פליאה

אָדָם כִּי־יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן: (א ב) אין ספר אשל אברהם להגאון ר' אברהם ברודא ז"ל, און אין ספר מדרש יהונתן להגאון ר' יונתן אייבישיץ זצ"ל שטייט א מדרש פליאה דאס מיינט דער פסוק: **שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד** עיי"ש. ווּאלט מען געקענט דאס מסביר זיין אז עס איז דא די באוואוסטע מחלוקת פון דעם רמב"ם און רמב"ן אין ספר המצוות אויב עס איז דא א טעם פארוואס דער אויבערשטער האט באפוילן צו ברענגען קרבנות. דער רמב"ם זאגט ווייל אין מצרים האט מען מקריב געווען פאר די עו"ז דעריבער האט דער אויבערשטער געוואלט מען זאל זיך אפגעוואוינען פון דעם, און מקריב זיין נאר לשם ה' און דער רמב"ן זאגט עס איז גזירת המלך אן א טעם, אבער לויט ביידע איז דאס א חיזוק אין אמונת ה', לויטן רמב"ם איז די חיזוק אוועק צו–ווארפן די עו"ז וואס איז נגד אמונת ה', און לויטן רמב"ן איז דאס אן א טעם, נאר מען דארף וויסן אז דאס איז דער רצון ה' מיט אמונה, בבחינת איך פארשטיי נישט אבער איך גלויב. און די ענין פון **שמע ישראל** איז קבלת עול מלכות שמים, ווי עס שטייט אין די משנה (ברכות פ"ב מ"ב). קען זיין פשט אין מדרש אָדָם כִּי־יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן, הה"ד **שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**, וואס דאס איז אמונה און קבלת עול מלכות שמים דעריבער דארף מען ברענגען א קרבן, דער רמב"ם לשיטתו און דער רמב"ן לשיטתו. (שמח זבולון)

## פארוואס איז א חטאת א שעירת עזים א נקיבה

אֽוֹ הוֹדַע אֵלָיו חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא וְהֵבִיא קָרְבָּנוֹ שְׂעִירַת עִזִּים תְּמִימָה נְקֵבָה (ד כט) עס ווערט געברענגט אז דער הייליגער אוהב ישראל דער אפטא רב זצוק"ל האט אמאל געפרעגט זיינע תלמידים פארוואס ביי א חטאת פון א יחיד ברענגט מען א נקיבה ווען ביי א חטאת הקהל ברענגט מען א זכר? האבן די תלמידים נישט געהאט וואס צו ענטפערן האט דער רבי געזאגט לאמיר זיך פארשטעלן: א חשובער איד האט געזינדיגט און וויל תשובה טאן, גייט ער צום מוכר פון בהמות און זאגט אים ער וויל קויפן א שעירת עזים פאר א קרבן, פרעגט אים דער מוכר אבער פאר א שלמים קענסטו דאך קויפן א זכר? און מיט א אראפגעלאזטע קאפ זאגט אים דער איד, איך דארף דאס פאר א חטאת, ווערט אים דער מוכר זאגן: ר' איד עס פאסט נישט פאר דיר! נו! ער פארקויפט אים די שעירת עזים און דער איד ברענגט דאס צום בית המקדש, און ווען ער קומט אן צום שער פון הַר הַבַּיִת, ווערט דער שעירת עזים דערשראקן פון די אלע מענטשן און אנטלויפט ארום ירושלים, און נעבאך דער איד מוז דאס זוכן און מען פרעגט אים ווייטער ר' איד! דו דארפסט דען א חטאת? אוי א בושה אויף דיר! און צום סוף טרעפט דער איד זיין שעירת עזים און ברענגט דאס פארן כהן וואס פרעגט אים אויך: דו דארפסט ברענגען א חטאת? א בושה! האט אויסגעפירט דער אפטא רב: דער איד וועט שוין גאר גוט אכטונג געבן נישט צו דארפן דאס דורכגיין נאכאמאל. דעריבער דארף מען ברענגן א שעירת עזים.

## וואס מיינט די ווארט עליה

וְנוֹדְעָה הַחַטָּאת אֲשֶׁר חָטְאוּ עָלֶיהָ: (ד י"ד) דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין די ווארט "עָלֶיהָ" עס וואלט געקענט נאר שטיין וְנוֹדְעָה הַחַטָּאת אֲשֶׁר חָטְאוּ, ווייל דער עיקר וויל מען אז דער מענטש זאל וויסן אז ער האט געזינדיגט? נאר מען קען זאגן אז ווען א מענטש טוט עבירות דארף ער וויסן אז ער האט פריערט געטאן א עבירה וואס די עבירה האט גורם געווען אז ער זאל טאן נאך א חטא, ווייל עבירה גוררת עבירה, און דער עיקר תשובה דארף זיין אויף דעם ערשטן חטא וואס מען האט ווייל כל זמן מען האט נאך נישט מתקן געווענדי ערשטער חטא קען דער מענטש נאכאמאל זינדיגן, דעריבער זאגט די תורה וְנוֹדְעָה הַחַטָּאת אֲשֶׁר חָטְאוּ "עָלֶיהָ:" מען זאל קוקן און תשובה טאן אויפן ערשטן חטא וואס פון דעם האט מען ווייטער געזינדיגט, און אזוי וועט ער שוין נאכאמאל נישט זינדיגן. (מקרא מפורש – הר' טרונק)

## א ווינקל פון בקיאות. פארוואס ברענגט מען נישט א קרבן פון דגים

מִן־הַבְּהֵמָה מִן־הַבָּקָר וּמִן־הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת־קָרְבַּנְכֶם: וְאִם מִן־הָעוֹף עֹלָה קָרְבָּנוֹ לַה' וְהִקְרִיב מִן־הַתֹּרִים אוֹ מִן־בְּנֵי הַיּוֹנָה אֶת־קָרְבָּנוֹ: (ויקרא א' ב'–יד) שטייט אין מדרש תנחומא (פרשת ויקרא ס"ח) ולמה קריבין קרבן מן העוף ומן הכבשים ומן הצאן ומן העזים ולא מן הדגים? שנאמר וְאִם מִן־הָעוֹף עֹלָה קָרְבָּנוֹ לַה', בשביל שהם בשר ודם כמו האדם וכו' עיי"ש. מען וואלט געקענט זאגן נאך צוויי טעמים פארוואס מען ברענגט נישט א קרבן פון דגים. ווייל אין די גמ' (שבת ק"ט.) פרעגט רבינא פון רב נחמן בר יצחק צו מען מעג שרייבן תפילין אויף די הויט פון א דג טהור? האט ער געענטפערט, אויב אליהו וועט קומען און זאגן אז די זוהמא –טומאה– איז אוועק פון די דגים וועט מען מעגן ע"כ, און דער ר"ן זאגט דארטן ווייל ביי אדם וחוה האט דער נחש געלייגט א זוהמא– טומאה אויף אלע בריות שבעולם און ביי קבלת התורה איז דאס אראפ פון די בריות וואס זענען געווען דארט משא"כ די דגים זענען נישט געווען ביים הר סיני, ממילא דארף אליהו הנביא זאגן אויב פסקה זוהמתן ע"כ. און דער רמב"ם (הלכות איסורי מזבח פ"ב ה"א) שרייבט שהמזוהם אינו כשר, ממילא דגים ווייל עס איז נישט קלאר צו עס האט נאך די זוהמא, דעריבער קען מען זיי נישט ברענגן פאר א קרבן, דאס איז איין טעם.

נאך א טעם איז: ווייל מיר זעען אין די תורה אז ביי א עוף שטייט (פסוק טז) וְהֵסִיר אֶת־מֻרְאָתוֹ בְּנֹצָתָהּ וְהִשְׁלִיךְ אֹתָהּ אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ, מען טאר נישט מקריב זיין די זפק פון א עוף, און רש"י ברענגט די טעם פון מדרש (ויקרא רבה פ"ג ס"ד) העוף הזה פּוֹרֵחַ וְטָס בכל העולם ואוכל בכל צד ואוכל מן הַגזלוֹת ומן החַמָסִין אמר הקב"ה הואיל והזפק הזה מלא גזילות וחמסין אל יקרב לגבי המזבח, לכך נאמר וְהֵסִיר אֶת־מֻרְאָתוֹ, אבל בהמה גְדֵילָה על אֲבוּס בעלה ואינה אוכלת מכל צד לא מן הגזלות ולא מן החמסין לפיכך היא מקריבה כולה, לכך נאמר והקריב הכהן והקטיר את הכל המזבחה. זעט מען אז א חשש פון גזל איז מיאוס צו מקריב זיין אויף די מזבח, דעריבער איז מען נישט מקריב די זפק פון א עוף. און חז"ל זאגן אין מדרש פסיקתא רבתי (פכ"א סי"ז) לא תרצח כנגד ויאמר אלקים ישרצו המים וגו' אמר הקב"ה אל תהיו כדגים הללו שהגדולים בולעים את הקטנים שנאמר ותעשה אדם כדגי הים וגו' און אזוי שטייט אין מס' עבודה זרה (ד' א') און אין רש"י (ביצה כ"ג ב') אז דגים הייסט אין מזונתם עליך ווייל גדול אוכל את הקטן, ועיין רש"י (שבת קנ"ו א'). דעריבער ווייל די דגים אלע זייערע עסן איז נאר דורך גזל און רציחה, איז דאס אסור אזוי ווי די זפק פון עוף צו מקריב זיין אויפן מזבח. (תורת חיים – סופר)

על פי סוד איז די סברא פארקערט. ווייל די ספר רִקַנְטִי (פ' בראשית) שרייבט, אז דער ענין פון שחט'ן א קרבן איז ווייל אין די בהמה אדער עוף וואס מען ברענגט, איז דאס א נשמה וואס האט אויך געזינדיגט די זעלבע עבירה וואס דער מענטש וואס ברענגט דער קרבן און דורך די שחיטה וועט מתוקן ביידע חטאים, און דאס איז שייך ביי א בהמה ועוף, אבער ביי דגים וואס נאר צדיקים ווערן מגולגל אין זיי און נאר אויף גאר דקות'דיגע פגמים, איז זייער תיקון וואס מען עסט זיי לכבוד שבת, דעריבער ברענגט מען נישט א קרבן פון דגים. (נפש דוד)


הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"
פרשת ויקרא גליון 352

# מדור העובדות

## דער ווערעצקי רבי הרה"ק ר' ישכר בעריש אייכנשטיין זצוק"ל באפרייט דער טשאבא רב פון די ארמיי

הגה"צ ר' שרגא שמואל שניצלער זצוק"ל אב"ד טשאבא [כ"ז תשרי תש"ס] האט דערציילט וואס האט מיט אים פאסירט: ווען הרה"ק רבי ישכר בעריש אייכנשטיין פון ווערעצקי זידיטשוב איז אנטלאפן קיין דעברעצין ביי די ערשטע וועלט מלחמה, וואס האט אים באפרייט פון די ארמיי חוץ לדרך הטבע.

דער טשאבא רב איז געווען שוחט אין לאדאני איידער ער איז געווארן רב אין טשאבא. צוליב די מלחמה האט מען יעדן גערופן אין מיליטער, אפילו שוחטים און דיינים אזוי אז אויך ער האט באקומען א באפעל זיך שטעלן צום מיליטער אין די שטאט דעברעצין. ווען ער איז געקומען קיין דעברעצין איז ער אריינגעגאנגען צום ווערעצקי זידיטשובער רבי נעמען א ברכה באפרייט צו ווערן פון די ארמיי. זייענדיג אין שטוב האט דער רבי געבעטן די קעכערן זי זאל מאכן א פונקטליכן חשבון וויפיל עופות מען דארף קאכן פאר די קומענדיגע אכט טעג? און זי האט אויסגערעכנט אז מען דארף האבן 8 עופות. האט דער רבי געהייסן ער זאל שחט'ן 8 עופות און געזאגט אויב ער וועט מכוון זיין די ריכטיגע כוונות בשעת די שחיטה איז ער אים מבטיח אז ער וועט באפרייט ווערן ביז 8 טעג.

ער האט געפאלגט דעם רבי'ס רייד און געשחטן די 8 עופות און איז געקומען צום רבי'ן זיך געזעגענען. דער רבי האט אקוק געטאן אויף די עופות און האט געשפירט אין זיי די ריכטיגע כוונות האט דער רבי אים צו געזאגט אז ביז 8 טעג וועט ער באפרייט ווערן פון די ארמיי. דער טשאבע רב האט געזאגט אז ער דארף זיך שטעלן צו די ארמיי שבת אינדערפרי. האט אים דער רבי געזאגט אז ער זאל זיך נישט שטעלן אין שבת קודש.

האט ער דערציילט פאר זיין ברודער מו"ה אלי נתן אז דער רבי האט איהם געזאגט אז ער זאל זיך נישט שטעלן אין שבת קודש. האט איהם זיין ברודער געווארנט אז ער זאל זיך נישט אריינלייגן אין א סכנה נאר ער זאל גיין אין שבת. אבער דער טשאבא רב האט געהאט אמונה אין רבין און האט געווארט אויף זונטאג.

זונטאג צופרי ווען ער איז אריינגעקומען האבן זיי אים געהייסן אפשערן די בארד און פיאות אבער ער האט זיך אקעגענשטעלט און געטענה'ט אז אזוי ווי ער איז א רב איז ער פטור דאס צו טאן. עס איז געווארן א קריגעריי ווען פלוצלונג איז אריינגעקומען דער הויפט אפיציר און ער האט געפרעגט וואס קריגט מען זיך דא? האט מען איהם געענטפערט אז דער איד זאגט ער איז א רב, דעריבער דארף ער נישט אפשערן די בארד און פיאות. ווי דער אפיציר האט געהערט אז ער איז א רב האט ער אים געזאגט אויב דו ביזט א רב וויל איך אז דו זאלסט זאגן א דרשה דעם קומענדיגן מיטוואך ווען מען וועט אויסטיילן די אויסצייכונגען פאר די אידישע סאלדאטן און אפיצירן. דער אפיציר האט איהם דערלאנגט א קארטל אז ער איז באפרייט ביז מיטוואך פון די מיליטער און אויב ער וועט זאגן א ווארעמע דרשה און מחזק זיין די סאלדאטן וועט ער אים באפרייען פון די ארמיי.

דער טשאבא רב איז געווען צופרידן דאס צו הערן, אבער ער איז דאך קיין רב נישט געווען און נישט געוואוינט צו זאגן דרשות און בפרט זאגן די דרשה אין אונגאריש. איז ער געגאנגען צום דעברעצינער רב ר' עקיבא שטראססער זצ"ל, און אים געבעטן ער זאל אים אויסלערנען א דרשה, אבער

דער רב האט געזאגט איר מיינט אז זיי וועלן אייך לאזן זאגן א דרשה פאר אזעלכע הויכע אפיצערן? נישט האבענדיג א ברירה האט ער זיך מיישב געווען אז דינסטיג וועט ער זיך פרובירן ארויסצודרייען און זאגן אז ער פילט זיך נישט גוט. דער אפיציר האט איהם געזאגט ער זאל גיין צו זיין דאקטער וואס האט אים געזאגט אז ער איז געזונט. דער אפיצער האט געסטראשעט דעם רב אויב ער וועט נישט זאגן א גוטע דרשה וועט ער אים שטראפן.

דינסטאג נאכט האט ער געבעטן ביים שמש ער וויל זיין אויף א גאנצע נאכט און זוכן א גוטע דרשה. ער האט גענומען דעם תהלים און געוויינט צום אויבערשטן ווען ער האט איינגעדרימלט. פלוצלונג קומט זיין טאטע, הרה"ג ר' ברוך יהודה זצ"ל, אין חלום, און האט אים מחזק געווען און געזאגט זאלסט אריינקוקן אין ספר חובת הלבבות דארט און זאלסט דאס איבערטייטשן אויף זייער שפראך און וועסט מצליח זיין.

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט איז ער צוגעגאנגען צום ספרים שאנק און ארויס גענומען דעם חובת הלבבות און געפונען דארט א שיינע משל פון די נשמה און די גוף אז דער עיקר איז די נשמה וואס דאס שטארקט דעם גוף. איז אים איינגעפאלן יעצט א גוטע דרשה. איז ער געגאנגען צו א מאדערנער רב און אים געבעטן ער זאל אים איבערטייטשן די דרשה אויף אונגאריש. אויף צו מארגענס צו די באשטימטע צייט איז דער טשאבא רב געקומען, און דער הויפט אפיצער האט אים געגעבן גרויס כבוד און געבעטן ער וויל איבערקוקן די דרשה, און ווען עס האט אים געפעלן האט ער אויסגערופן פאר די אלע פארזאמלטע אז דער חשובער רב וועט מעודד זיין די אידישע סאלדאטן און אפיצערן.

דער טשאבא רב האט קודם אלעמען געגעבן א ברכה און דערנאך געזאגט די משל פון די נשמה און גוף און האט אויסגעפירט אז די סאלדאטן זענען די נשמה פון די ארמיי און זייערע אפיצערן זענען די גוף פון די ארמיי. און אויב די סאלדאטן וועלן זיין געטריי פאר די מדינה וועלן זיי געבן כח פאר זייערע אפיצערן. דאס האט זיי אלעמען באנומען און די אלע אפיצירן און גענעראלן האבן אים באדאנקט און אויך דער הויפט אפיציר. דער אפיצער האט אים געבעטן צו קומען צו אים פרייטאג אינדערפרי.

ווען ער איז געקומען פרייטאג צום אפיצער האט דער הויכער אפיצער געזאגט פאר די מיליטערישע דאקטער אז דער רב איז זייער א שוואכער און ער זאל אים געבן א צעטיל. דער אפיצער האט אים געהייסן ווארטן א פאר מינוט און ער האט אים געגעבן א קארטיל אז ער איז באפרייט פון די ארמיי. עס איז מקויים געווארן די הבטחה פון רבי'ן וואס האט פאריגע וואך פרייטאג געזאגט אז ער וועט באפרייט ווערן אין אכט טעג פון די ארמיי. א נס שלא כדרך הטבע זי"ע. (ספר פאר מנחם ווערעצקי) דער טשאבא רב איז געווען א שווער פון היילינגן צדיק מסקולען זצוק"ל.

### ברכת מזל טוב הבן עם הבת

בן לחתני הר' בן ציון מאיר זילברשטיין נ"י בן למחותני הר' אברהם נ"י
בת לבני הר' חיים אהרן הלוי קליטניק נ"י ומחותני הר' יוחנן הכהן נ"י
ולאבי מורי הרה"ח ר' אליעזר הלוי קליטניק, והרה"ח ר' מרדכי יונה הכהן
להולדת הנינה שיתברכו לאריכות ימים ושנים טובים עד ביאת גואל בב"א


*נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות13000$, סידור תורה אור חב"ד געדרוקט אין שנגהאי תש"ו זייער זעלטן 6000$, ספר יעקב וישראל מיט פול הגהות בכת"י 1000$*

תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים עי"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון איס, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$., **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר 7000$**, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו, תשובה פון היילגן דברי יואל 5 שורות כת"י בלי חתימה. ספר מגיני שלמה ויניציא תקי"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר., הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הרה"ג ר' אברהם פאס זצ"ל 180$, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל 600$, ספר פרקי הנאזיר על שחיטה מבואר על פי הסידות 90$, קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- **http://ladaat.info/gilyonot.aspx** אדער אויף לדעת